ישראל שטערן.

# יאָהרען.

(אַ נײַ־יאָהר־לידעל).

א.

אין גרינעם גרויען טונקעל־אומעט
פון די לעצטע פינסטער־שעות
בײַם עק וועלט דאָרט־בויגט דער הימעל
זיך פאָרזיכטיג אַראָב צו דר'ערד
און הערט זיך צו צום שפּילען נאָגג
פון די יאָהרען, וועלכע שווימען
ווי אַ טרער אַרויס און פאַלען
אַראָב דאָרט ערגעץ ווי אַ טרער...

ב.

נאַכט בײַ נאַכט זינגען
שוואַרצאויגיגע חעלמען
שוואַרצהאַרציגע לידער
און עס פאַלען פאַר מורא
די שטערען אַראָב;
„ווער איז דער טאַטע?
ווער איז די מאַמע?
עס ווערען די יאָהרען
געבוירען אויף הפקר.

ווײַט, הינטער וועלדער
אויף אַ וואַלד־פרעמדען אינזעל
ליגען די יאָהרען
אויף הפקר געוואָרפען
בלינדע און קרענקליך
און שוואַרץ ווי די וועלדער
און שטום ווי דער אינזעל
און קענען נישט חזנען
און קענען נישט חזנען...
און עס הענגט איבער זײ
אַ קללה פאַרשטאַרט' —
נאַכט בײַ נאַכט זינגען
שוואַרצאויגיגע חעלמען
שוואַרצהאַרציגע לידער
און עס פאַלען פאַר מורא
די שטערען אַראָב.

ג.

דינגן! — דינגן! — דינגן!
לויטען די שעה'ען
פון שטאָטישען טורעם
אַראָב אין דער וועלט
און דערציהלען פאַראויס;
אַ יאָהר ווערט געבוירען, — —
קלינגען די שעה'ען
אַראָב אויף די שטײנער,
ווי קוויטער־[illegible]
און דער פּסוק פון „צדקה
תציל ממות"...
דינגן! — דינגן! — דינגן! —
אַ דונער קומט צוגעצין
און בלײַבט שטעהן אין מאַרק
מיט זײַן נאַסע אויגען
און נעדענקט נישט דעם הענ
אין דאָרף צום בעל־בית, — —
דאָס יונגע יאָהר בלאָנזשעט
פון שטאָטישען טורעם
אַרײַן אין דער נאַכט
און פאַלט אויף די שטײנער
פאַרמאַטערט אַנידער
און ווערט דאָרט צעבראָכען...
דינגן! — דינגן! — דינגן! —
אויפען שוואַרץ־בלויען ליכטער
פון דער שוואַרץ־בלויער נאַכט
טרויפט שווער אַריף
פון הימעל צו דעם טורעם,
מיט אונרוהיג וואַרטען זיך
דער גלאָק פון דער שטאָט
און נאַכט־בלינדען דינער...
און ס'פאַלען די שעה'ען
ווי בלעטער אין תשרי,
אַראָב אויפ'ן ברוק
אַראָב אויפ'ן ברוק,
אַזש ס'קרעכצען די שטײנער
און דערציהלען די גאַסען:
„איטליך יאָהר וואַנדערט
פון שטערן צו שטערן
און געפינט נישט קיין תקומה
און אַנטלויפט מיט זײַן אומגליק
פון נאַכט אין די הימלען
און פאַלט ווי אַ זינדיגער
פלאַך אַראָב
און שלאָגט זיך אין אונזער
קאַלטער מלוכה
אין אײַביגע רוה"...

יאָרן

(אַ נײַיאָר־לידל)

דער מאָמענט (וואַרשע, 1910–1939)

10, נומ' 235, אָקטאָבער 15, 1919, ז' 9